בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**קנ"ב**

יו"ל: ז' מנחם אב ה'תשפ"ה לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**אותי עזבו מקור מים חיים?!**

**עס איז אנגעהאנגען אויף מיר א 'דומיט'**

**מניעות - להגביר החשק**

**כל המצוות על דעת הצדיק**

**התנוצצות האותיות שיש באכילה**

**קלעטערן מיטן רבי'נס תורות**

**'הצדיקים' מקשיבים לקולך - השמיעני!**

**זיך אויסגלעבט די יארן אן א פוטער**

**ראטשקעווען אויף די שארפע שווערדן**

**מדת הצנע לכת**

**'החכמה תחיה'**

**אויסנוצן די מתנה**

**דעם רבי'נס ספרים אין תפיסה**

**נקודת החבר**

**כשיש דין למטה אין דין למעלה**

**זיך נישט לאזן נארן**

**להרגיש כאב חטאיו**

**ער וויל הערן זיין בענטשן**

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפ ולהדפיסם, וכמו
כן כדי לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של $30 יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

**ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:**
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה''ק: 02.560.7387**
**ארה''ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
**לשמיעת השיעור**
**המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #152**

# שיחת חיזוק

**חודש אלול שנת תשל"א**

## אותי עזבו מקור מים חיים?!

דער רבי זאגט אין א תורה[א]: "במקום שחושב השכל, שם הוא"! דארטן וואו דער שכל טראכט, דארטן איז גאנצער מענטש!

דער גאנצער מענטש איז דארטן וואו דער שכל טראכט.

אן 'עולם המחשבה' איז דא, אז איך טראכט א גוטע זאך, איך וויל א גוטע זאך, בין איך דארטן!

איך האב דארטן א 'ציור', איך האב דארטן א 'פאטאגראף', עס איז דא בילדער, איינער האט א פאטאגראף פון נארישקייטן, מען וועט אים וויזן זיין בילד - ער וועט זעהן גוטע בילדער, אה, אבער עס איז דא די בילד אויך...

אבער מען קען אויך טוהן תשובה; אז מען זאל טאקע אריינעמען דעם רבי'נס זאך מיט התחדשות - קען מען האבן גוטע געדאנקען, קען מען האבן גוטע בילדער.

דער רבי זאגט אין תורה כ"ז[ב], וועדליג 'הַהִזְדַּכְּכוּת חָכְמָתוֹ, כֵּן הִזְדַּכְּכוּת קוֹל רִנָּתוֹ', וועדליג דער מח איז אים מזוכך - ער טראכט גוטס, אזוי איז דער 'קול רינה' אויך א ריינער קול.

---

[א] ליקוטי מוהר"ן סימן כ"א: כִּי עִקַּר הָאָדָם הוּא הַשֵּׂכֶל, וְעַל כֵּן בְּמָקוֹם שֶׁחוֹשֵׁב הַשֵּׂכֶל, שָׁם כָּל הָאָדָם. (עיין גם בספרי התולדות ודגל מחנה אפרים ועוד, בשם הבעש"ט ז"ל. ראה ס' בעל שם טוב עה"ת פרשת נח עמוד התפלה - מקור מים חיים אות ל"א).

[ב] ליקוטי מוהר"ן סימן כ"ז אות ד': וּלְפִי הַהִזְדַּכְּכוּת חָכְמָתוֹ בִּשְׁלשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת אֵלּוּ הַנַּ"ל, כֵּן הִזְדַּכְּכוּת קוֹל רִנָּתוֹ.

דער רבי ברענגט דארט[ג], "**הַרְאִינִי אֶת מַרְאַיִךְ, הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ**"; 'הראיני את מראיך', דאס 'פנים' דאס איז דער 'מח', ווייז מיר פריער 'מראיך' נאכדעם וועל איך הערן דיין 'קול', לפי 'הזדככות חכמתו' אין די 'י"ג מידות' - אזוי איז 'הזדככות קול רנתו'.

רבי נתן ברענגט טאקע[ד], 'וואויל איז דער וואס זיין מח איז משוטט אינעם רבי'נס דיבורים!' - ממש ער גייט ארום אין 'גן-עדן', אין די 'היכלות'![ה]

און דער בעל דבר קען נעמען אזא מין חיות וואס מען וואלט געקענט האבן, און גיט א דריי אריין מיט נארישע געדאנקען, קלאגט דער אויבערשטער: "געוואלד, **אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים - לַחְצֹב בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים אֲשֶׁר לֹא יָכִלוּ הַמָּיִם**"[ו], מיך לאזטו אפ, און וואס נעמסטו - בורות נשברים?! וואספארא חילוף מאכסטו?!

טראכט בעסער פון מיר, טראכט בעסער די דיבורים פונעם צדיק, האסט דאך א 'מקור מים חיים'!

דאס אלעם דארף מען רעדן פארן אויבערשטן, אלעם אויסרעדן פאר השי"ת, מאכן פון די 'תורות' - 'תפילות', פון יעדן דיבור מאכן א 'תפילה', דאס זענען זייער חשוב'ע

---

[ג] ליקוטי מוהר"ן שם: וְזֶה (שִׁיר הַשִּׁירִים ב): "הַרְאִינִי אֶת מַרְאַיִךְ", זֶה בְּחִינַת הַדְרַת פָּנִים, בְּחִינַת זָקֵן כַּנַּ"ל. 'הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ' כִּי הַקּוֹל לְפִי הַחָכְמָה שֶׁל דְּרוּשֵׁי הַתּוֹרָה, לְפִי הַשֵּׂכֶל שֶׁל שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת שֶׁהוּא דּוֹרֵשׁ בָּהֶם אֶת הַתּוֹרָה.

[ד] חיי מוהר"ן אות פ"ג: כִּי הוּא זְכוּת גָּדוֹל לְהָאָדָם כְּשֶׁזּוֹכֶה שֶׁיִּהְיוּ מַחְשְׁבוֹתָיו מְשׁוֹטְטוֹת בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא מְאֹד, אֲשֶׁר אֵין עֲרֹךְ אֵלָיו.

[ה] עיין חיי מוהר"ן אות שפ"ט: בֵּאֵר לִי פַּעַם אַחַת וְאָמַר לִי, כִּי הַתּוֹרוֹת שֶׁלּוֹ הֵם כְּמוֹ מִי שֶׁנִּכְנָס לְפָלָטִין שֶׁיֵּשׁ בּוֹ הֵיכָלוֹת וַחֲדָרִים וְאַכְסַדְרָאוֹת וּפִשְׁפָּשִׁין נָאִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים מְאֹד, וַעֲלִיּוֹת עַל גַּבֵּי עֲלִיּוֹת שׁוֹנוֹת בְּדַרְכֵי חִדּוּשִׁים נוֹרָאִים. וְתֵכֶף כְּשֶׁנִּכְנָסִין בְּחֶדֶר אֶחָד וּמַתְחִילִין לְהִסְתַּכֵּל בּוֹ וּלְהִתְפַּלֵּא עַל נִפְלְאוֹת הַחִדּוּשִׁים אֲשֶׁר בּוֹ, בְּתוֹךְ כָּךְ רוֹאִין, שֶׁנִּפְתַּח לוֹ פֶּתַח נִפְלָא לְחֶדֶר אַחֵר. וְכֵן מֵחֶדֶר זֶה לְחֶדֶר עוֹד וְכֵן מֵחֶדֶר לְחֶדֶר וּמֵחֶדֶר לַעֲלִיָּה וְכוּ', וְכֻלָּם פְּתוּחִים מִזֶּה לָזֶה פְּתָחִים וְחַלּוֹנוֹת וּמְקֻשָּׁרִים וּמְשֻׁלָּבִים זֶה בָּזֶה בְּסֵדֶר נִפְלָא וּבְחָכְמָה עֲמֻקָּה וּבְתַכְלִית הַיֹּפִי וְהַנּוֹי. וְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב כִּי אִם לְמִי שֶׁנִּכְנָס קְצָת בַּהֲבָנַת עֹמֶק דִּבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לִטְעֹם נֹעַם מְתִיקוּת עַמְקוּת תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה וְכוּ'.

[ו] עפ"י ירמיה ב' י"ג.

**תפילות ביים אויבערשטן[ז]. בעטן דעם אויבערשטן אויף אזעלכע זאכן איז זייער חשוב, זייער חשוב!**

❖ ❖ ❖

## עס איז אנגעהאנגען אויף מיר א 'דומיט'

(כאן חסר קצת, לא ברור מאיזה גדול מאנ"ש הוא מדבר) - **ער איז געווען עפעס א הייליגער גוף, אזוי ווי ער איז געווען פול מיט תורה ויראת שמים - אזוי איז ער געווען פול מיט קדושה, עפעס א מושלם פון א מענטש.**

(ר' משה בינענשטאק: נאך פאר ברסלב?) **יא! ער איז נאך פריער אויך געווען, ווען ער איז געקומען צום רבי'ן איז ער שוין געקומען א 'דומיט'!** (- 'אבן יקרה'), **נאר דורכן רבי'נס זאך איז ער צוגעקומען אויף אן אנדערן אופן!**

**זעהען מיר דאך א מענטש, א שטיקל בלאטע ביי זיך, אבער מיטן רבי'נס זאך איז ער געווען אזוי רייך, אינעם רבי'נס זאך איז ער עפעס אזוי רייך געווען, אזוי ווי דער גרעסטער מיליאנער[ח].**

**דאס האט מען געזעהן, ער איז ביי זיך 'מעצמו' טאקע - ממש "שְׁחוֹרָה אֲנִי", אבער מיט'ן רבי'נס זאך - "וְנָאוָה", איז ער געווען אזוי רייך ביי זיך[ט].**

---

[ז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן כ"ה: גַּם טוֹב לַעֲשׂוֹת מֵהַתּוֹרָה תְּפִלָּה. דְּהַיְנוּ כְּשֶׁלּוֹמֵד אוֹ שׁוֹמֵעַ אֵיזֶה מַאֲמַר תּוֹרָה מִצַּדִּיק הָאֱמֶת, אֲזַי יַעֲשֶׂה מִזֶּה תְּפִלָּה, דְּהַיְנוּ לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ עַל כָּל מַה שֶּׁנֶּאֱמַר שָׁם בְּאוֹתוֹ הַמַּאֲמָר, מָתַי יִזְכֶּה גַּם הוּא לָבוֹא לְכָל זֶה, וְכַמָּה הוּא רָחוֹק מִזֶּה. וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּזַכֵּהוּ לָבוֹא לְכָל הַנֶּאֱמָר שָׁם בְּאוֹתוֹ הַמַּאֲמָר ... וְעִנְיַן הַשִּׂיחָה זוֹ עוֹלָה לְמָקוֹם גָּבוֹהַּ מְאֹד, וּבִפְרָט כְּשֶׁעוֹשֶׂה מִתּוֹרָה תְּפִלָּה, מִזֶּה נַעֲשֶׂה שַׁעֲשׁוּעִים גְּדוֹלִים מְאֹד לְמַעְלָה.

[ח] עיין חיי מוהר"ן אות ש"י: אָמַר, כַּמָּה צֶלֶם אֱלֹקִים הָיוּ מֻנָּחִים בָּרֶפֶשׁ שֶׁאֲנִי הוֹצֵאתִים מֵהָרֶפֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', כִּי נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁהַמִּתְקָרְבִים אֵלַי נִשְׁתַּנָּה פְּנֵיהֶם, וּבָא עֲלֵיהֶם פָּנִים שֶׁל יְהוּדִי בִּבְחִינַת צֶלֶם אֱלֹקִים.

[ט] עיין ליקוטי הלכות או"ח הלכות תפלת המנחה הלכה ז' אות נ"ג: וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁאִיתָא (בְּמִדְרָשׁ חֲזִית שִׁיר הַשִּׁירִים) עַל פָּסוּק שְׁחוֹרָה אֲנִי וְכוּ', שְׁחוֹרָה אֲנִי בְּמַעֲשַׂי וְנָאוָה אֲנִי בְּמַעֲשֵׂה הַצַּדִּיקִים, זֶה בְּחִינַת הַשִּׂמְחָה מַה שֶּׁאֵין אָנוּ חוֹלְקִים וּמִתְנַגְּדִים עַל הַצַּדִּיקִים. וראה עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת יום ב' ויקרא תר"ב.

אז דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך ווייס פונעם צדיק, איך גלויב אין אים, דארף מען זיין אזוי רייך ביי זיך, אז עס איז ממש נישטא קיין פארמעג אין דער וועלט וואס איז פארגליכן צו מיר! דער גרעסטער 'עושר' זעהט זיך נישט אן[י].

אוודאי, דאס איז א גרויסע 'בקיאות' דאס דאזיגע; דער מענטש מצד עצמו זאל ער וויסן אז ער איז גארנישט, טאקע גארנישט, און מצד די התקרבות צום צדיק זאל ער וויסן אז ער איז רייך און עס איז גאר נישטא קיין שום רייכקייט אנטקעגן אים.

ער זאל זיך נישט אפנארן, ער זאל וויסן - 'איך אליין' בין גארנישט, נאר מען האט אויף מיר אנגעהאנגען אזא מין 'דומיט'[יא], אזא מין 'התקרבות', דערמיט טאנץ איך און איך שפרינג און פריילעך - וואס אין דעם עולם זענען דא גרויסע אידן וואס איך קום נישט לקרסוליהם, זיי ווייסן נישט פונעם רבי'ן - און איך ווייס יא פונעם רבי'ן![יב]

די 'ידיעה' אליין - איז אויך א גרויסע זאך, אז מען ווייסט אז ביים רבי'ן איז דא!

דאס איז אזא מין אפטייק (בית מרקחת)[יג], וואס דא קען מען האבן רפואות פון אלע זאכן, פון אלע מחלות, פון אלעס וואס דער מענטש איז מורגל.

---

[י] עיין עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מיום ד' ויצא תקצ"ב (ב'): גִילוֹיבְּט אִיז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גִיגִיבִּין אַגִיטֶע יְרוּשָׁה אוֹיף הֵייבִּיג, **קֵיין עֹשֶׁר אִין דֶער וֶועלְט קָאן אַזוֹ אַה יְרוּשָׁה נִיט לָאזִין**, מִיר הָאבִּין זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גָאר נִיט צוּא שֶׁעמִין.

[יא] עפ"י סיפורי מעשיות, מעשה ז' - זבוב ועכביש, בסופו.

[יב] עיין ליקוטי הלכות או"ח ברכת הריח וברכת הודאה הלכה ד' אות כ"ג: וּכְמוֹ כֵן בְּכָל דּוֹר וָדוֹר אִי אֶפְשָׁר לְהָבִין מִפְּנֵי מָה זָכוּ אֵלּוּ לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת יוֹתֵר מִשְּׁאָר אֲנָשִׁים, כִּי כָּל זֶה הוּא בְּחִינַת סְגֻלָּה שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהָבִין כְּלָל וכו'.

[יג] עיין עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת מיום ב' ויחי תקצ"ו: וּכְבָר הֶאֱרִיךְ אדומו"ר ז"ל לְדַבֵּר בָּזֶה לְחַזֵּק מְאֹד מְאֹד אֶת כָּל אֶחָד וְאֶחָד בְּהִתְחַזְּקוּת נִפְלָא לְהַחֲיוֹתֵנוּ בְּשִׁבְעָה מְשִׁיבֵי טַעַם, וְתוֹדָה לָאֵל יֵשׁ לָנוּ דָּאקְטִיר כָּזֶה שֶׁבָּקִי מְאֹד בִּרְפוּאוֹת נַפְשֵׁנוּ עַד תַּכְלִיתוֹ עַד הַסּוֹף הָאַחֲרוֹן, וּמִלְּבַד רְפוּאוֹתָיו הַיְקָרִים כֹּחוֹ הַגָּדוֹל בְּעַצְמוֹ עוֹלֶה עַל הַכֹּל. ושם במכתב מיום ד' ר"ח כסלו תקצ"ח: וַאֲנִי מוֹדִיעֲכֶם עוֹד, לֹא אַחַת וְלֹא שְׁתַּיִם כִּי אִם פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר, שֶׁבְּוַדַּאי הָאֱמֶת כַּאֲשֶׁר כָּתַבְתָּ שֶׁתְּהִלָּה לָאֵל גָּנוּז אִתִּי רְפוּאוֹת אֲמִתִּיּוֹת וְסַמִּים דְּאוֹרַיְתָא סַמָּא דְּחַיֵּי לַכֹּל. דִּבּוּרִים יְקָרִים וְנִפְלָאִים אֲשֶׁר אֵין עֲרוֹךְ אֲלֵיהֶם. הַמְּלֵאִים עֵצוֹת וּרְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ וְהַגּוּף וְהַצְלָחוֹת נִצְחִיּוֹת לַכֹּל אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר.

**עס דאכט זיך אים אז ער איז שוין אזוי מורגל אין דער זאך - אז בשום אופן קען ער נישט ארויסקריכן פון דער זאך, זאל ער וויסן 'ניין'! ער האט אט דא ביים רבי'ן - אזעלכע עצות איז דא, אזעלכע דיבורים איז דא, ער קען ארויס פון אלצדינג!**

**דער 'כח הדיבור' האט אין זיך אזא מין כח, געוואלדיג[יד], עס איז נישט שייך צו זאגן אויף קיין שום זאך "ער איז שוין אזוי מורגל", "ער קען שוין דאס נישט טוהן"; אָן דעם צדיק קען ער טאקע נישט! נאר בכח פון דעם צדיק איז נישטא קיין שום זאך וואס מען זאל זאגן עס איז פארפאלן, דאס איז דער כח פונעם רבי'ן!**

**און מען האט דאס געזעהן, מען האט עס געזעהן!**

**עס איז מקורב געווארן צו אונז אזעלכע מגושמים, אזעלכע מזוהמים, ממש מגושמים מזוהמים, און זיי זענען ארויס אזעלכע אנשים כשרים, אנשים כשרים ממש[טו], מען האט זיך געדארפט שעמען פאר זיי! פארוואס? זיי האבן גענומען דעם רבי'נס זאך בתמימות ובפשיטות!**

**דאס איז אויך געווען מגודל תמימות - זיי האבן גענומען דעם 'דיבור', אויסגעוויינט אלע איברים[טז], און געווארן אן 'איש כשר'.**

**אוודאי דארף מען זיין אן 'איש חכם', נישט לאזן זיך נאַרן, נאר זיך איינגעוואוינען מיט 'תורה ותפילה', רעדן מיט א חבר פונעם תכלית;[יז] 'אנדערע זאכן' האט נישט קיין שייכות מיט מיר!**

---

[יד] ליקוטי עצות ערך דיבור אות כ"ג: הַדִּבּוּר יֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל מְאֹד עַל־כֵּן צָרִיךְ לְהַרְבּוֹת מְאֹד בְּדִבּוּרֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת. וּבְיוֹתֵר בְּדִבּוּרִים וְשִׂיחוֹת בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ. וְאִם יִהְיֶה חָזָק בָּזֶה כָּל יְמֵי חַיָּיו, בְּוַדַּאי יִזְכֶּה לְאַחֲרִית טוֹב בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא לָנֶצַח. (עפ"י ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן צ"ו).

[טו] ראה חיי מוהר"ן אות ש"י, הועתק לעיל.

[טז] עיין חיי מוהר"ן אות תמ"ב: לְאֶחָד מִגְּדוֹלֵי מְקֹרָבָיו ז"ל צִוָּה לוֹ בִּימֵי נְעוּרָיו שֶׁל הַמְקֹרָב הַנַּ"ל שֶׁבִּשְׁעַת הִתְבּוֹדְדוּת יְדַבֵּר הַרְבֵּה בִּפְרָטִיּוּת עִם כָּל אֵבְרֵי גּוּפוֹ וְיַסְבִּיר לָהֶם שֶׁכָּל תַּאֲווֹת הַגּוּף הֶבֶל. כִּי הָא סוֹף כָּל אָדָם לָמוּת, וְהַגּוּף לִקְבָרוֹת יוּבָל, וְכָל הָאֵבָרִים יִבְלוּ וְיִתְרַקְּבוּ וְכוּ' וְעוֹד דִּבּוּרִים כַּיּוֹצֵא בָּאֵלּוּ וכו'.

[יז] עיין לקוטי עצות - ערך תוכחה אות י"ז: עַל־כֵּן צָרִיךְ כָּל אָדָם לֵידַע וּלְהוֹדִיעַ וּלְהִוָּדַע וּלְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ מִזֶּה תָּמִיד בְּכָל יוֹם, כִּי יֵשׁ אֱלֹקִים שַׁלִּיט בָּאָרֶץ, וְשֶׁאֵין שׁוּם תַּכְלִית בְּזֶה הָעוֹלָם, כִּי אִם לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ

דארף מען זיין אן 'איש חכם', נישט לאזן זיך נאַרן[יח], מען איז דאך אין דעם עולם, ער (היצר הרע) איז שוין דא.

## מניעות - להגביר החשק

דער רבי זאגט אין די תורה ס"ו[יט], דער רבי רעדט דארטן וועגן 'חשק' 'חושק' און 'נחשק'. 'חושק' איז דער מענטש וואס ער טראכט, 'נחשק' איז דער זאך, און דערנאך דער 'חשק'. זאגט דארטן דער רבי: וואס דער 'נחשק' איז גרעסער - דארף מען האבן א גרעסערן 'חשק', שיקט מען אים צו א גרעסערע 'מניעה', די 'מניעה' איז 'לעורר החשק'.

דעם רבי'נס זאך איז א געוואלדיגער 'נחשק', עס איז אזא 'נחשק' וואס ממש - עס איז נישטא קיין גרעסערע זאך פון דעם רבי'נס זאך. עס איז טאקע געווען איינער וואס איז נישט געקומען אויף ראש השנה צום רבי'ן, מען האט געזאגט צום רבי'ן אז מען האט אים געשיקט ברענגען אתרוגים קיין נעמירוב, מען האט פארענטפערט פארוואס ער איז נישט געקומען, (ענה רביז"ל ואמר:) **"וואס זאל איך אייך זאגן? קיין גרעסערס דערפון איז נישטא!"**[כ].

---

יִתְבָּרַךְ (ע"פ לקוטי מוהר"ן תניינא סימן ז' אות ג-ד). ובספר עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, יום א' ער"ח תמוז תקצ"ד: חִזְקוּ וְאִמְצוּ לְבַבְכֶם כָּל הַמְיַחֲלִים לַה', וְתַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לְדַבֵּר בְּכָל יוֹם אֶחָד עִם חֲבֵרוֹ מֵהַתַּכְלִית הַנִּצְחִי, וּלְדַבֵּר כָּל אֶחָד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וְכוּ', כְּדֵי לְקַבֵּל מִכָּל הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת וְכוּ'.

[יח] עיין שיחות הר"ן אות נ"א: אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אוֹתוֹ הָעוֹלָם וכו'.

[יט] ליקוטי מוהר"ן סימן ס"ו אות ד': כִּי יֵשׁ חֵשֶׁק וְחוֹשֵׁק וְנֶחֱשָׁק, דְּהַיְנוּ הָאָדָם הַחוֹשֵׁק, וְהַדָּבָר הַנֶּחֱשָׁק. וְהַחֵשֶׁק שֶׁחוֹשְׁקִין לַדָּבָר הַנֶּחֱשָׁק. וּכְפִי מַעֲלַת הַנֶּחֱשָׁק, כֵּן צָרִיךְ לִהְיוֹת גֹּדֶל הַחֵשֶׁק. וְעַל כֵּן כְּשֶׁהַנֶּחֱשָׁק גָּדוֹל מְאֹד, נִמְצָא שֶׁצָּרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ חֵשֶׁק גָּדוֹל מְאֹד. אֲזַי יֵשׁ לוֹ מְנִיעָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר, שֶׁעַל יְדֵי זֶה הַחֵשֶׁק גָּדוֹל בְּיוֹתֵר. כִּי כָּל מַה שֶּׁהַמְּנִיעָה יוֹתֵר גָּדוֹל, הַחֵשֶׁק מִתְגַּבֵּר בְּיוֹתֵר כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן רָאוּי לָאָדָם לָדַעַת כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת מְאֹד מֵאֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, יֵדַע וְיָבִין מִזֶּה, שֶׁזֶּה הַדָּבָר שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת, הוּא נֶחֱשָׁק גָּדוֹל מְאֹד, וְדָבָר יָקָר מְאֹד, שֶׁמֵּחֲמַת זֶה הַמְּנִיעָה גְּדוֹלָה מְאֹד כַּנַּ"ל.

[כ] כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל': בַּשָּׁנָה הָאַחֲרוֹנָה לֹא הָיָה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְשָׁאַל רַבֵּנוּ זַ"ל עָלָיו, וְתֵרְצוּ אוֹתוֹ כִּי הֻצְרַךְ לִסַּע בִּשְׁבִיל אֶתְרוֹגִים בִּשְׁבִיל כָּל הָאוּקְרַיְינָה, עָנָה רַבֵּנוּ זַ"ל וְאָמַר: "מָה אֹמַר לָכֶם הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל קֵיין גְּרֶעסֶערְס דֶּערְפוּן אִיז נִיטָא". ועיין חיי מוהר"ן אות קכ"ו: גַּם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה

**דעם רבי'נס זאך איז עפּעס אזא מין גרויסע זאך - ממש קיין גרעסערס דערפון איז נישטא!**

**וואס הייסט "קיין גרעסערס איז נישטא"?! ווייל דאס ברענגט שוין אלצדינג! דאס ברענגט די 'תפילין', דאס ברענגט די 'ציצית', דאס אנטוהן די ציצית, דאס אנטוהן די תפילין.**

## כל המצוות על דעת הצדיק

**אונזערע לייט פלעגן האבן התבודדות בשעת מען מאכט דעם 'מה יקר' פון טלית, אוי, זיי האבן געהאט א שיינעם התבודדות.**

**דער רבי זאגט דארטן, אין די תורה ז'[כא]: אין דעם זכות פון 'ציצית' ווערט מען ניצול 'מעצת הנחש', 'ציצית שמירה לניאוף'.**

**עס איז געווען אויף וואס צו האבן התבודדות - בשעת מען האט געמאכט די עטיפה אויף די ציצית האט מען געהאט התבודדות, שיינע התבודדות האט מען געהאט.**

**אלע האבן אויסגערעדט דער תורה ז' - ביי די עטיפה אויף די ציצית האט מען אויסגערעדט דער תורה ז', מען האט געוואוסט אז דאס איז דעם רבי'נס א דיבור - דאס ליגט אין די ציצית.**

**דעם רבי'נס זאך דארף מען נעמען צו אלצדינג, צו יעדע זאך דארף מען אריינגעמען די מטעמים, און דאס מאכט אזא מין געשמאקייט אומעטום וואו מען גיט זיך א ריר צו[כב].**

---

הָאַחֲרוֹן בְּאוּמֶין דִּבֵּר עִמָּנוּ גַּם כֵּן מִזֶּה מַעֲלַת מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, מָה אֹמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה. (וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קֵיין גְרֶעסֶירְס דֶער פוּן אִיז נִיט דָא).

[כא] ליקוטי מוהר"ן סימן ז' אות ד': וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי מִצְוַת צִיצִית הָאָדָם נִצּוֹל מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ, מִנִּשּׂוּאִין שֶׁל רָשָׁע, מִבְּחִינַת נִאוּף, כִּי צִיצִית שְׁמִירָה לְנִאוּף; כַּמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן יח) וכו'.

[כב] עיין בהקדמת הרב מטשעהרין זצ"ל לספר ליקוטי עצות החדש, בשם מוהרנ"ת ז"ל: אבל עיקר כוונתי הוא רק על המעשה, וכמו שאמרו רבותינו ז"ל לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה, **וכוונתי כפשוטו,**

## התנוצצות האותיות שיש באכילה

דער רבי זאגט אין די תורה י״ט[כג], עס שטייט דארטן ביי בועז׳ן[כד]: ״וַיֹּאכַל וַיֵּשְׁתְּ וַיִּיטַב לִבּוֹ״, זאגט די גמרא[כה], ׳זה ברכת המזון׳, דער רבי טייטשט דארטן: ׳ויטב לבו׳ - ער האט געמאכט לייכטן, דעם ׳ויאכל וישת ויטב לבו׳ - אז די גאנצע אכילה איז נאר פון די ׳אותיות׳.

געוועגליך, מיט אזא צייט וואס דער רבי זאגט - דאס איז געשמאקייט, דאס איז אַן אנדער בענטשן! אז די גאנצע ׳אכילה ושתיה׳, איז דאס חיות - די ׳אותיות׳ פון דאס בענטשן! דער ׳תענוג׳ - איז נאר פון די ׳אותיות׳, ׳ברכת המזון׳.

## קלעטערן מיטן רבי׳נס תורות

מען דארף קלעטערן און דרייען מיט דעם רבי׳נס דיבורים; וואס האט דער רבי געמיינט ״מען זאל זיין קלאר ישר והפוך?״[כו], וואס האט דער רבי געמיינט ״אין מיין ספר זאל מען זיין קלאר ישר והפוך?״.

---

**שכשאתם מתעטפים בציצית, תדעו ותזכרו ותשימו על לבבכם היטב כל מה שנתבאר בדברינו בסוד ענין מצות ציצית על פי ההקדמות הקדושים שקבלתי מרביה״ק זצ״ל.**

[כג] ליקוטי מוהר״ן סימן י״ט ז׳: וּמִי שֶׁיָּכוֹל לְהִתְעוֹרֵר הִתְנוֹצְצוּת הָאוֹתִיּוֹת שֶׁבְּכָל מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, אֲזַי אֲכִילָתוֹ וּשְׁתִיָּתוֹ וְכָל תַּעֲנוּגָיו אֵינוֹ אֶלָּא מֵהִתְנוֹצְצוּת הָאוֹתִיּוֹת שֶׁבַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, בִּבְחִינַת (רוּת ג): ״**וַיֹּאכַל וַיֵּשְׁתְּ וַיִּיטַב לִבּוֹ**״; ״**וַיִּיטַב לִבּוֹ**״ **הַיְנוּ בְּחִינַת הִתְנוֹצְצוּת הָאוֹתִיּוֹת** שֶׁל ל״ב אֱלֹקִים שֶׁבְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר. וְזֶהוּ: ״וַיִּיטַב לִבּוֹ״ אֵין טוֹב אֶלָּא אוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית א): ״וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב״. וְזֶהוּ: ״וַיֹּאכַל וַיֵּשְׁתְּ וַיִּיטַב לִבּוֹ״, שֶׁהָיְתָה אֲכִילָתוֹ וּשְׁתִיָּתוֹ מֵהֶאָרַת וְהִתְנוֹצְצוּת הָאוֹתִיּוֹת שֶׁל ל״ב אֱלֹקִים שֶׁבִּסְעֻדָּתוֹ שֶׁאוֹכֵל. וְזֶה: ״**וַיִּיטַב לִבּוֹ**״ **זֶה בִּרְכַּת הַמָּזוֹן** (זֹהַר וַיַּקְהֵל רי״ח. וּמִדְרָשׁ רַבָּה רוּת פָּרָשָׁה ה), שֶׁהָיְתָה אֲכִילָתוֹ וּשְׁתִיָּתוֹ מֵהִתְנוֹצְצוּת הָאוֹתִיּוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּהָאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת בִּרְכוֹת הַמָּזוֹן, כִּי הַמָּזוֹן נִתְבָּרֵךְ עַל יְדֵי שְׁלֵמוּת לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, עַל יְדֵי שֶׁמְּעוֹרְרִין וּמְאִירִין אֶת הָאוֹתִיּוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, וּמִשָּׁם צְרִיכִין שֶׁתִּהְיֶה עִקַּר הָאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּשְׁאָר הַתַּעֲנוּגִים כַּנַּ״ל.

[כד] רות ג׳ ז׳.

[כה] מדרש רבה רות ה׳ ט״ו. זוהר הק׳ פרשת ויקהל דף רי״ח ע״א. וזוהר חדש רות.

[כו] שיחות הר״ן קצ״ט: אָמַר, אֵין מִי שֶׁיּוּכַל לְהָבִין בְּהַסֵּפֶר (הַיְנוּ בְּסֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן) כִּי אִם מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר כָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה פָּנִים וְאָחוֹר.

איך ווייס נישט צו דער רבי האט געמיינט 'ישר והפוך' אין די 'אותיות', נאר דער רבי האט געמיינט - אין דעם 'שמועס' פונעם ספר! אין די 'תורות', אזוי 'אהין און אהער' - זיךווארפן אויף אלע זייטן[כז].

אט דאס איז אונזער חיות, און דאס נוצט אומעטום, אז מען טראכט פון א תורה פארן בענטשן, און אזוי גייט מען בענטשן, איז דאס אן אנדער בענטשן.

פארן דאווענען, פאר א שמונה עשרה, ווען מען לייגט זיך שלאפן; אז מען שלאפט איין מיט געדאנקען פונעם רבי'נס א זאך, איז עס א אנדער אויפשטיין, ס'איז טאקע א אנדער שלאף אויך, מען שלאפט אנדערש.

עס ווערט געבראכט, אז די לעצטע געדאנקען מיט וואס א מענטש ווערט פארשלאפן, איז דער גאנצע שלאף מיט דעם געדאנק![כח] אז מען ווערט פארשלאפן מיט א גוטן געדאנק צום אויבערשטן, שלאפט ער טאקע א 'שינה דקדושה', אבער טאמער חלילה אז ער שלאפט איין מיט נארישע געדאנקען, שלאפט ער דארטן - - און וויבאלד אז דער שלאף איז אזא מין שלאף, שטייט ער אויף אויך אזוי.

דער ערשטער געדאנק מיט וואס ער שטייט אויף - זאגט דער רבי[כט]: "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג יִרְאֵי הַשֵּׁם, תֵּכֶף בַּבֹּקֶר כַּהֲקִיצוֹ, יִזְכֹּר מִיָּד בְּעָלְמָא דְאָתֵי", איז שוין

---

[כז] עיין עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, ב' וישלח תקפ"ד: וּבִפְרָט הֲלֹא כָּל סִפְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל בְּיָדְךָ, הַמְּלֵאִים אוֹצָרוֹת גְּדוֹלוֹת, אוֹצְרֵי אוֹצָרוֹת שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, וְהִתְגַּלּוּת אֱלקוּת בִּדְרָכִים נִפְלָאִים, הַשָּׁוִים לְכָל נֶפֶשׁ, גָּדוֹל וְקָטָן, נַעַר וְזָקֵן, הֲפֹךְ בָּהֶם וַהֲפֹךְ בָּהֶם וְסִיב וּבְלֵה בָּהֶם שֶׁאֵין לְךָ מִדָּה טוֹבָה מֵהֶם. (כלשון הזה יש הרבה במכתבי מוהרנ"ת).

[כח] עיין לקוטי תפילות ח"א תפילה י"ט: וּתְזַכֵּנִי לְמַעֵט בְּשֵׁנָה וְתַרְדֵּמָה. וַאֲפִלּוּ מְעַט הַשֵּׁנָה שֶׁאֲנִי מֻכְרָח לִישֹׁן בִּשְׁבִיל קִיּוּם הַגּוּף, אֶזְכֶּה שֶׁיִּהְיֶה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, וּשְׁנָתִי תֶּעֱרַב לִי, וְאֶזְכֶּה לִישֹׁן תָּמִיד מִתּוֹךְ מַחְשָׁבוֹת וְהִרְהוּרֵי תּוֹרָה וּמִתּוֹךְ שִׂמְחָה. ובליקוטי הלכות או"ח - הלכות ברכת הודאה הלכה ו' אות כ"ד: וְזֶה מְרַמֵּז עַל כָּל אָדָם שֶׁכְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁמּוֹנְעִין אוֹתוֹ כְּמוֹ שֶׁמּוֹנְעִין, צָרִיךְ לְקַשֵּׁר בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ דִּבְרֵי תּוֹרָה, וּלְהוֹצִיא מַחֲשַׁבְתּוֹ מֵרַעְיוֹנִים רָעִים, וּלְקַשֵּׁר בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ דִּבּוּרֵי תּוֹרָה, עַד שֶׁיִּשַׁן מִתּוֹךְ דִּבּוּרֵי תּוֹרָה, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת הַבֵּרוּר מֵהֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת וכו'. ושם אות ל"ח: וְעַל כֵּן צְרִיכִין לִזָּהֵר לִישֹׁן מִתּוֹךְ דִּבְרֵי תּוֹרָה כְּדֵי לִישֹׁן מִתּוֹךְ שִׂמְחָה שֶׁלֹּא יִטְעֹם טַעֲמָא דְּמוֹתָא. וְזֶה שֶׁבִּקֵּשׁ דָּוִד הָאִירָה עֵינַי פֶּן אִישַׁן הַמָּוֶת, וְכֵן נִתְתַּקֵּן לְכָל אֶחָד לוֹמַר קֹדֶם הַשֵּׁנָה בְּבִרְכַּת הַמַּפִּיל וְהָאֵר עֵינַי פֶּן אִישַׁן הַמָּוֶת הַיְנוּ כַּנַּ"ל.

[כט] ליקוטי מוהר"ן סימן נ"ד אות ב': כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג יִרְאֵי הַשֵּׁם, תֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ, קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל שׁוּם דָּבָר, יִזְכֹּר מִיָּד בְּעָלְמָא דְאָתֵי.

דער אויפשטיין אַן אנדער אויפשטיין, און דער גאנצער טאג גייט נאך דעם אויפשטיין פון דעם ערשטן געדאנק.

אזוי שליסט זיך עס, עס שליסט זיך, ( - עס קייטלט זיך), אז עס איז א אנדער שלאף - איז א אנדער טאג - איז א אנדערע נאכט - איז א אנדער שלאף - אזוי גייט עס, געשלאסן, געשלאסן, און אזוי ווערט מען מיט די צייט אַן 'איש כשר'.

און דערצו איז נאר מסוגל דעם "רבי'נס זאך"! אן דעם רבי'נס זאך קען מען זיך נישט רירן!

און דאס איז נאר אין דעם עולם! 'דארטן' קען מען עס נישט טוהן, אין 'דעם עולם' קען מען האבן א נאכט, מען קען האבן א טאג, מען קען האבן מצוות ומעשים טובים, מען קען האבן א פרייטיג צו נאכטס, א שבת, א תפילין, און א ציצית.

מען איז מטייל אין אלע סארטן - - אין תורה ס"ה[ל] זאגט דער רבי דארטן: ער גייט ארום און איז מלקט 'ציצים ופרחים' און 'שושנים', טייערע זאכן, מען שפאצירט אין דעם 'גן' - דאס איז נאר אין 'דעם עולם'!

## 'הצדיקים' מקשיבים לקולך - השמיעני!

עס איז דא די 'צדיקים שבגן עדן', דער אויבערשטער גייט אריין אין 'גן־עדן' ווען עס קומט חצות - זאגט דער זוהר הקדוש[לא]: דער אויבערשטער איז זיך אויבן משעשע

---

[ל] ליקוטי מוהר"ן סימן ס"ה אות ב': וּכְשֶׁאָדָם עוֹמֵד לְהִתְפַּלֵּל, וּמְדַבֵּר דִּבּוּרֵי הַתְּפִלָּה, אֲזַי הוּא מְלַקֵּט צִיצִים וּפְרָחִים וְשׁוֹשַׁנִּים נָאִים. כְּאָדָם הַהוֹלֵךְ בְּשָׂדֶה, וּמְלַקֵּט שׁוֹשַׁנִּים וּפְרָחִים נָאִים אַחַת לְאַחַת, עַד שֶׁעוֹשֶׂה אֲגֻדָּה אֶחָת. וְאַחַר כָּךְ מְלַקֵּט עוֹד אַחַת לְאַחַת וְעוֹשֶׂה אֲגֻדָּה אַחֶרֶת וּמְחַבְּרָם יַחַד, וְכֵן הוֹלֵךְ וּמְלַקֵּט וּמְקַבֵּץ כַּמָּה וְכַמָּה אֲגֻדּוֹת יָפִים וְנָאִים. כְּמוֹ כֵן הוּא הוֹלֵךְ בִּתְפִלָּה מֵאוֹת לְאוֹת, עַד שֶׁמִּתְחַבְּרִים כַּמָּה אוֹתִיּוֹת, וְנַעֲשֶׂה מֵהֶם דִּבּוּר. וְכֵן עוֹשֶׂה בְּתֵבוֹת שְׁלֵמוֹת, וְאַחַר כָּךְ נִתְחַבְּרִין שְׁתֵּי הַתֵּבוֹת. וְאַחַר כָּךְ הוֹלֵךְ וּמְלַקֵּט יוֹתֵר, עַד שֶׁגּוֹמֵר בְּרָכָה אַחַת. וְאַחַר כָּךְ מְלַקֵּט יוֹתֵר וְיוֹתֵר, וְהוֹלֵךְ מֵאָבוֹת לִגְבוּרוֹת, וּמִגְּבוּרוֹת לִקְדֻשּׁוֹת, וְכֵן הוֹלֵךְ לְהַלָּן יוֹתֵר. מִי יְפָאֵר גֹּדֶל פְּאֵר הַלִּקּוּטִים וְהַקִּבּוּצִים, שֶׁאָדָם מְלַקֵּט וּמְקַבֵּץ בְּדִבּוּרֵי הַתְּפִלָּה.

[לא] זוהר הק' פרשת בשלח דף מ"ו ע"א: בְּפַלְגּוּת לֵילְיָא, קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עָאל בְּגִנְתָּא דְּעֵדֶן לְאִשְׁתַּעְשְׁעָא עִם צַדִּיקַיָּא, וּכְדֵין בָּעֵי לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְמֵיקָם וּלְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא, וְהָא אִתְּמַר דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ

**מיט די נשמות הצדיקים אין גן־עדן, און דעמאלט זענען די צדיקים שבגן־עדן 'מקשיבים לקולך' - פון אונטן, זיי ווילן הערן פון 'דאנעט' א קול.**

**דער זוהר הקדוש זאגט: 'חֲבֵרִים' - דאס איז די 'צדיקים שבגן עדן', 'מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ' - פון דיין קול, פון אונטן, זאגן זיי 'הַשְׁמִיעִנִי', מאך מיר הערן! זיי ווילן דעמאלט הערן קולות פון 'אונטן'.**

**אז דער אויבערשטער העלפט, א איד שטייט אויף** (חצות)**, וואס ער זאגט, וואס ער טוט נאר, יעדער איינער האט זיך דארטן זיין סדר, 'התבודדות', דער 'לערנט', דער 'זאגט', דער 'תהלים', דאס דארף איינער צום צווייטן נישט מישן זיך.**

**דער רבי ר' זושא האט געזאגט: "איך בין מקנא אפילו א שוסטער, ער ארבעט די שוסטעריי, אבי ער איז אויף!" איז 'אויף' - איז גוט![לב]**

(ר' משה: ווען ער איז אויף, חצות?) **יא, די שוסטער'ס פלעגן אויפשטיין האלבע נאכט און ארבעטן אין די שוסטעריי.**

**אפילו 'אים' בין איך מקנא! אבי ער איז אויף אין די צייט, ער שלאפט נישט די צייט!**

**וואס ער טוט - טוט ער! צדיקים שבגן עדן! צדיקים שבגן עדן!**

---

הוּא וְכָל צַדִּיקַיָּא דִּבְגִנְתָּא דְּעֵדֶן כֻּלְּהוּ צַיְיתִין לְקָלֵיהּ, הֲדָא הוּא דִכְתִיב, (שיר השירים ח) הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים חֲבֵרִים מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ הַשְׁמִיעִנִי, וְהָא אוּקְמוּהָ, הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים, דָּא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, דְּאִיהִי מְשַׁבָּחַת לֵיהּ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּשְׁבָחָא דְּאוֹרַיְיתָא בְּלֵילְיָא, זַכָּאָה חוּלָקֵיהּ מַאן דְּאִשְׁתַּתַּף בַּהֲדָהּ לְשַׁבְּחָא לֵיהּ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּשְׁבָחָא דְּאוֹרַיְיתָא וכו'. (וזה מבואר בעוד כמה מקומות בזוה"ק). **ובליקוטי מוהר"ן סימן י"ב אות ג':** וְעַל זֶה צָרִיךְ הַלַּמְדָן לֵידַע קֹדֶם לִמּוּדוֹ, שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁיּוֹשֵׁב לִלְמֹד, הַצַּדִּיק שֶׁבְּגַן עֵדֶן צַיֵּת לְקָלֵהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שִׁיר הַשִּׁירִים ח): "הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים חֲבֵרִים מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ" (וְכַמּוּבָא בַּזֹּהַר לֶךְ לְךָ צב.). **ובליקוטי הלכות או"ח - הלכות סעודה הלכה ה' אות י"ט:** וְזֶה שֶׁמַּזְהִיר וּמְחַזֵּק הַפָּסוּק אֶת כָּל אָדָם שֶׁיָּקוּם בַּלַּיְלָה וְיַעֲסֹק בַּתּוֹרָה. וְלֹא יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת שֶׁהוּא מְגֻנֶּה עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו. כִּי אַף עַל פִּי כֵן הַצַּדִּיקִים צַיְתִין לְקָלֵהּ. שֶׁזֶּהוּ הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים, בִּגְנוּתָא דְּהַאי עָלְמָא שְׁפָלָה, אַף עַל פִּי כֵן 'חֲבֵרִים', שֶׁהֵם הַצַּדִּיקִים, 'מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ', כִּי כֻּלָּם מִתְאַוִּים לִשְׁמֹעַ קוֹלֵךְ בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה. וְעַל כֵּן הַשְׁמִיעִינִי וְלֹא תֹאמַר שֶׁיִּמְאֲסוּ חַס וְשָׁלוֹם, בְּקוֹלֵךְ מֵחֲמַת גְּנוּתֵךְ, כִּי אַדְּרַבָּא, ה' יִתְבָּרַךְ וְהַצַּדִּיקִים מִשְׁתַּעְשְׁעִים בְּקוֹלֵךְ דַּיְקָא.

[לב] עיין שיש"ק (ישן) ח"ג אות תרכ"ב: שְׁכֵנוֹ שֶׁל רַבִּי זוּשָׁא הָיָה סַנְדְּלָר בְּמִקְצוֹעוֹ, וְהָיָה עוֹבֵד בְּמִנְעָלָיו עַד מְאֻחָר בַּלַּיְלָה לְאַחַר חֲצוֹת, וְשִׁבְּחוֹ רַבִּי זוּשָׁא וְאָמַר: **טוֹב שֶׁהוּא עֵר, יַעֲסֹק הָאָדָם אָז בַּמֶּה שֶׁיַּעֲסֹק, הָעִקָּר שֶׁלֹּא יִישָׁן.**

א קליניקייט?! צדיקים וואס זענען געווען אין דעם עולם, און זענען געווען 'צדיקים', זיי זענען דאך שוין אין גן־עדן, דער אויבערשטער איז זיך משעשע מיט זיי, וואס דארפן זיי האבן בעסערס? ניין! זיי ווילן הערן א קול פון אונטן.

זיי ווילן הערן א קול פון אונטן, און 'מיר' זענען אונטן, דאס זענען 'מיר'! מיר זענען דאך אונטן!

'לאחר מאה ועשרים שנה' וועלן מיר נישט זיין אונטן, אבער היינט זענען מיר אונטן, און זיי ווילן הערן פון אונז א קול!

❖ ❖ ❖

## זיך אויסגעלעבט די יארן אן א פוטער

היינט אויף די נאכט (ליל כ' אלול) איז מיין שווער'ס יארצייט, ר' אהרן קיבליטשער[לג]. רבי אברהם סופר'ס[לד] יארצייט איז היינט אויף די נאכט און אויך דעם שווער'ס יארצייט, דער שווער איז נפטר געווארן תרפ"א.

מיין שווער ר' אהרן קיבליטשער איז שוין ניין־און־פערציג יאר נישט דא.

(ר' משה: זיי זענען געווען כמעט די זעלבע יארן?) מיין שווער איז געווען אביסל עלטער, מיין שווער איז נפטר געווארן פ"א און ער איז אלט געווען דריי־און־זעכציג יאר, פון פ"א איז שוין ניין־און־פערציג יאר, איז הונדערט־און־צוועלף, איז ער געווען עלטער מיט א פיר - פינעף יאר, נישט קיין סאך.

---

[לג] ר' אהרן קיבליטשער (חותן ר' לוי יצחק בענדער ז"ל) שם משפחתו "שווארץ". נתקרב בעודנו נער על ידי ר' פנחס מקיבליטש. עני מרוד ועובד ה' נלהב ומלא שמחה תמיד. נפטר כ' לחודש אלול שנת תרפ"א. זכה לחמישה חתנים, כולם מגדולי וחשובי אנ"ש (גידולי הנחל).

[לד] ר' אברהם סופר-שטערנהארץ, נולד בברסלב בשנת תרכ"ב לאביו ר' נפתלי הירץ ב"ר שכנא בן מוהרנ"ת, ואמו היתה בתו של ר' נחמן הרב דטשעהרין. זו' בזוו"ר בתו של ר' יוסף יונה בן מוהרנ"ת, ובזוו"ש מרת מרים נכדת רביז"ל. שימש את רוב תלמידי מוהרנ"ת ובפרט את סביו ר' נחמן מטשעהרין שגם נתגדל בביתו בימי ילדותו. שנים רבות שימש כבעל שחרית בראש השנה בקיבוץ אומאן. שימש כמה שנים כרב בקרימנטשוק. לעת זקנתו בשנת תרצ"ו עלה לארץ ישראל. נפטר כ' אלול שנת תשט"ו (גידה"נ).

איך דערמאן זיך פון מיין שווער, ער איז שוין ניין־און־פערציג יאר א 'נפטר', אשרי לו ואשרי חלקו! דער איד איז געווען אַן עובד, און אַן אָרעמאַן לא־עלינו - אזא עניות זאל דא נישט זיין, אזא ארעמאן ווי ער איז געווען - א געוואלד. א שטוב געווען מיט פינעף בתולות, א גרויסע עניות מיט פינעף מיידלעך, ער האט נישט קיין שידוכים, און אזא מין 'שמחה' אין שטוב!

ער איז אריינגעקומען אין שטוב אריין, איז די שטוב געווארן פול מיט שמחה, די קינדער זענען אלע געווארן פריילעך ווען דער שווער איז אריינגעקומען אין שטוב אריין.

זיין 'עבודת השם', זיינע חצות'ן, ער איז געווען אזא מין מתבודד, ער האט געקענט אוועקגיין א זומער טאג - זיין א גאנצן טאג אין פעלד, א זומער טאג פון 'זיבעצן-אכצן שעה', און ער איז געקומען אהיים, און אַן 'הצנע לכת', אזוי פארבאהאלטן, קיינער זאל נישט וויסן פון אים, פארפוצט אזוי, פארדעקט.

נו, שוין ניין־און־פערציג יאר א נפטר, 'ואשרי לו ואשרי חלקו', ער איז געווען אן ארעמאן, אבער וואס האט ער געבראכט דארטן?! די שמחה זיינע, מיט אלעס, ער פלעגט זאגן זיינע תפילות אז די קינדער זאלן נעמען - (שיזכו להינשא לבעלים תלמידי חכמים יראי ה')[לה].

אלע האבן חתונה געהאט נאך אים (לאחר פטירתו), איך האב חתונה געהאט נאך ביים שווער (בחייים חיותו). 'משה טשענסטעכאווער'[לו] איז אויך געווען זיינער אן איידעם, ביי משה טשענסטעכאווער איז דער שווער שוין געלעגן שלאַף, האט מען געמאכט דער חופה ביים פענסטער, און ער האט ארויסגעקוקט דורכן פענסטער. די אנדערע

---

[לה] עיין שיח שרפי קודש ח"ה אות רל"ז: הִפְצִירָה פַּעַם זוּגָתוֹ שֶׁל רַבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער בּוֹ וְאָמְרָה לוֹ: מַדּוּעַ בֵּין תְּפִלּוֹתֶיךָ הָרַבּוֹת שֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל לֹא תִּתְפַּלֵּל גַּם עַל זֶה שֶׁיִּזְכּוּ בְּנוֹתֵינוּ שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם פַּרְנָסָה וְלֹא יִסְבְּלוּ חֶרְפַּת רָעָב כָּמוֹנוּ. עָנָה לָהּ רַבִּי אַהֲרֹן: עַל פַּרְנָסָתָם לֹא אֶתְפַּלֵּל, כִּי אֵיזֶה מַזָּל שֶׁיֵּשׁ לָהֶם כָּךְ יִתְפַּרְנְסוּ, אוּלָם כָּל תְּפִלּוֹתַי עֲלֵיהֶם אֶתְפַּלֵּל שֶׁיִּהְיוּ נָשִׁים כְּשֵׁרוֹת וּצְנוּעוֹת וְיֵלְכוּ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְיִזְכּוּ לִבְעָלִים טוֹבִים. וְאָכֵן זֶה אֲשֶׁר אֵרַע לָהֶם.

[לו] ר' משה טשענסטחובער (גלידמאן), ב"ר חיים ראובן. בזיוו"ר היה חתן ר' יחיאל ב"ר הירש פסח, ובזווו"ש נשא לאשה את בתו של ר' אהרן מקיבליטש. תלמיד מובהק לראבר"ן. היה הולך בכל חצות לילה לציון רביז"ל. עלה לארץ ישראל. נפטר י"ט שבט תש"ז. בנו ר' אהרן ע"ה (גידה"נ).

ווייטער - 'הערש לייב'[לז] איז שוין געווען א יאר נאכן שווער'ס הסתלקות, און נאכדעם נאך צוויי איידעמער.

אבער דער עיקר איז דאך ווי ער האט זיך אפגעלעבט!

'דארטן' (בעולם הבא) איז דאך דאס גרויסע מעלות! אַן ארעמאן - און אזוי דינען דעם אויבערשטן, און אזוי זיין פריילעך, און אריינגעבן א שמחה אין שטוב אריין.

אין דעם "רבי'נס זאך" איז ער דער 'גרעסטער גביר', איך בין אן ארעמאן?! 'אן ארעמאן' איז דער גביר וואס ווייסט נישט פון רבי'ן, ער איז אן ארעמאן! איך בין אן ארעמאן?![לח]

אזוי גרויס איז געווען דאס חשיבות פונעם רבי'ן, אז עס האט געדעקט אלע זאכענישן, עס איז נישט געווען קיין חסרון אין דער וועלט אז דאס זאל מאכן נישט פריילעך!

איך וויים דאך פונעם רבי'ן, ווי מעג איך זיין מרה שחורה'דיג?!

אויב איך בין מרה שחורה'דיג, בין איך ממש חלילה - דעם רבי'נס זאך האט נישט קיין שום חשיבות נישט?! ווי מעג איך זיין מרה שחורה'דיג אז איך וויים פונעם רבי'ן?!

דאס האב איך געזעהן ביי די עלטערע מענטשן, און ביים שווער האב איך דאס געזעהן נאך מערער, אזא מין שמחה, אזא מין שמחה.

דער אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זיך אפלערנען פון זיי.

---

[לז] ר' הירש לייב (צבי אריה-יהודה) ליפל, ב"ר אהרן בצלאל. נולד ה' שבט תרס"ה בלאדז'. התקרב בבחרותו ע"י הספר משיבת נפש. לאחר התקרבותו נסע לוורשא לאנ"ש. באלול תרפ"ב נסע לאומן והגיע במסי"נ וסכנות לאומן לאחר ראש השנה תרפ"ג. הצטרף לחבורת עובדי ה' והיה קשור מאוד לר' ברוך געצע'ס, שמע וקיבל הרבה מר' וועלוויל הזקן שבצעירותו שימש את ראבר"ן. נשא לאשה את בתו של ר' אהרן מקיבליטש. עלה לארץ ישראל ניסן תרצ"ד. בילה הרבה בקברי הצדיקים ובפרט במירון בציון הרשב"י שם עשה בעבודת השם יחד עם שאר אנ"ש העובדים. נפטר כ"ג חשון תש"מ (גידה"נ).

[לח] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ו'.

מיר רעדן פון א נפטר, שוין ניין־און־פערציג יאר א נפטר, דאס איז נישט קיין קלייניקייט.

דער שווער האט קיינמאל נישט געהאט קיין בעט, ער איז געשלאפן אויף א באנק, און ער האט נישט געהאט קיין פוטער, ער האט געזאגט פאר די פטירה - **ער האט זיך אויסגעלעבט די יארן אָן א בעט און אָן א פוטער!**.

ער האט גערעדט דעם אויבערשטן, אפגעלעבט א לעבן אן א בעט און אן א פוטער.

היינט, די בעטן מיט די מאטראצן, עס פליהט אין דער לופטן... אבער די אמאליגע אידן זענען געווען אזוי - עס האט זיי גארנישט געפעלט, נאר די נאכט איז געווען אזוי אפגעהיט און אזוי פריילעך.

ער איז געווען א גרויסער 'מנגן' - דער שווער, ער פלעגט זאגן 'חצות' אזוי ווי א פידעלע שפילט!

עס איז געווען א חיות, די קינדער פלעגן ליב האבן אים הערן, אזוי ווי מען שפילט מיט א פידעלע, אזוי זיס און געשמאק געווען.

(ר' משה: ער האט געקענט לערנען?) יא, יא! ער איז נישט געווען דער גרויסער למדן, אבער ער האט געקענט לערנען, ער פלעגט לערנען זייער אסאך זוהר, ער האט געלערנט שלחן־ערוך אסאך, דעם רבי'נס ספרים, גמרא האט ער אויך געקענט.

(ר' משה: בדרך כלל, ווי עס קוקט אויס אויף אונזער שכל, אז מען הויבט אן אסאך טוהן אין התבודדות און די אלע זאכן, האט מען נישט קיין צייט אזוי פיל צו לערנען) ניין ניין, דער אמת איז נישט אזוי! דאס האט מען געזעהן, אז די וואס היטן אפ די צייט - לערנען מער אויך! נישט קיין נפקא מינה וואס ער לערנט - לערנט ער שלחן־ערוך אסאך.

איך האב עס געזעהן ביים שווער, דער שווער האט אזוי געהיט די צייט, ער האט אזוי געהיט די צייט - ממש א געוואלד ווי ער האט געהיט די צייט. ער פלעגט לערנען זייער אסאך זוהר, ער פלעגט איבערגיין אין א יאר - עטליכע מאל איבערגעגאנגען דעם זוהר, און געלערנט שלחן־ערוך אסאך, און דעם רבי'נס ספרים געלערנט, און ער פלעגט לערנען גמרא אויך, מדרש.

איי איי איי איי, אזעלכע אידן.

און דאס איז אלץ געווען דורך דעם כח פון רבי'ן!

## ראטשקעווען אויף די שארפע שווערדן

ער איז נפטר געווארן פרייטאג, די נאכט איז ער נאך אויפגעשטאנען חצות! ער איז געווען אזוי געשוואלן, אזוי ווי א בארג, אינגאנצן געווען געשוואלן. (השואל: פון הונגער?) נישט פון הונגער, נאר אזוי איז געווען די חולאת.

ער איז נאך די נאכט אויפגעשטאנען חצות - די נאכט פון זיין הסתלקות, און ער האט אפגערעכט דעם חצות, ער האט געזאגט דעם חצות פון 'שבת', 'תיקון לאה', זי עליה־השלום (בתו - אשתו של רלוי"צ ז"ל) האט געוואוסט פון חצות, האט זי געזאגט: "טאטע, דו זאגסט דעם חצות פון שבת? היינט איז דאך נישט שבת!?", האט ער א שמייכל געטוהן: "איך האב געמיינט אז ס'איז שבת!", און ער האט ווייטער אנגעהויבן צו זאגן דעם 'תיקון לאה', אלעם מיט אזא מין שמחה!

איך בין געקומען פונעם דאווענען אינדערפרי, האב איך געזעהן אז ער איז זייער שלאַף, האט ער געזאגט צו מיר: "דו זאלסט מיר נעמען אויף ראש־השנה קיין אומאן!", איך זאל אים נעמען אויף ראש־השנה קיין אומאן! "כ' אלול" איז עס געווען.

(עניתי לו) "נו, דער אויבערשטער זאל העלפן דער שווער זאל זיין געזונט!"; "ניין, דו זאלסט מיר נעמען אויף ראש־השנה קיין אומאן! דו זאלסט מיר פירן מיטן בעטל קיין אומאן אויף ראש־השנה! דו זאלסט נישט פארגעסן וואס איך האב דיר געטוהן!" - האט ער מיר געזאגט!

וואס האט ער געמיינט? דאס איז געווען דעם תר"פ, דעמאלט איז קיינער נישט געווען אין אומאן אויף ראש השנה, דעמאלט איז געווען די 'באנדעס', די וועגן איז געווען פול (מיט רוצחים), אינדרויסן האט מען גע'הרג'עט, ישראל כהן ע"ה איז גע'הרג'עט געווארן דאס יאר, ס'איז געווען געוואלדיג דעמאלט.

פון 'טעפליק' איז מען ארויסגעפארן דעמאלט א 'פינעף - זעקס מענטשן' אויף ראש השנה, ממש ס'איז געווען געוואלדיג, מען האט זיך איינגעשטעלט די לעבנ'ס!

עם איז ממש מקויים געווארן וואס רבי נתן האט געזאגט: **"ווען עס זאל זיין די וועגן מיט די שארפע שווערדן ארויף, וואלט ער זיך געראטשקעוועט אויף די שארפע שווערדן און געפארן אויף ראש השנה צום רבי'ן!**

דעמאלט איז דאס מקויים געווארן, דעמאלט איז געווען ממש מיט די שארפע שווערדן ארויף.

(ר' משה: ר' נתן האט געמיינט אפילו פיקוח נפש?) **אזוי האט ר' נתן געזאגט! "ווען עס זאל זיין די שארפע שווערדן ארויף, וואלט ער זיך געראטשקעוועט אויף די שארפע שווערדן, ער וואלט געפארן אויף ראש השנה!".**

**פארשטיין פארשטייט מען - מסירת נפש! וואס הייסט "אויף שארפע שווערדן"?!**

**דעם ראש השנה פון תר"פ איז געווען אזא מין ראש השנה!**

אפילו גויים האבן גארנישט געוואלט פארן, זיי פלעגן הרג'ענען די גויים אויך, אז א גוי האט געפירט א אידן - האבן זיי דעם גוי אויך גע'הרג'עט!

נאר א גוי האט דאך ליב געלט, האבן זיי געוואלט דערפאר אסאך געלט - א וועלט מיט געלט, איך האב נישט געהאט, מען האט דאך נישט געהאט איבערצולעבן דעם טאג, מיין 'משה'[לט] איז געווען דעמאלט א בן־יחיד - איך האב אים געגעבן עסן 'קלייען מיט וואסער', זיין בויך איז געווען געשוואלן פון קליי - 'סובין', א 'בהמה' עסט קלייען, אז מען עסט קלייען ווערט מען אנגעבלאזן, און די פיס ווערן אזוי ווי א שטעקעלע - דינע פיסעלעך.

[לט] ר' משה (ב"ר לוי יצחק) בענדער. נולד בקיבליטש אלול תרע"ח. בהיותו ילד בן ארבעה חלה במחלה קשה שהפילה חללים רבים, ואביו ר' לוי"צ הלך לציון רבינו והתחנן על נפש בנו יחידו ונפלטו מפיו המילים: "לפחות יובל שנים הענק לו", ואכן כך היה ונפטר בהיותו בן חמישים וארבעה. אביו היה לוקחו יום יום לציון הק'. עלה לארץ בתרצ"ו. נפטר ט"ו שבט תשל"ג. חתנו ר' הלל צוקר ז"ל. (גידה"נ).

האב איך נישט געהאט קיין געלט, דער גוי וויל אסאך געלט, א גוי מוז מען באצאלן, זאגט דער שווער: "איך האב געזאמלט פאר דיר געלט אויך!". א גאנצן זומער האט דער שווער געזאמלט געלט, פאר מיר און פאר זיך. האט ער באצאלט דעם גוי פאר מיר אויך, זענען מירביידע געקומען אויף ראש השנה.

האט ער מיר געזאגט (לפני פטירתו כנ"ל): "דו זאלסט נישט פארגעסן וואס איך האב דיר געטוהן!", האט ער דאס געמיינט, וואס ער האט א גאנצן זומער פאר מיר געזאמלט געלט.

עס איז געווען א הונגער, האט ער געזאמלט געלט אויף ראש השנה, און ער האט מיך אויך מיטגענומען אויף ראש השנה.

"זאל איך אים אויך מיטנעמען אויף ראש השנה!" (כך אמר לי. ואני עניתי לו:) "נו, דער אויבערשטער זאל העלפן איר זאלט זיין געזונט!".

נאך א האלבן טאג האט מען איינגעהייצט דארטן דעם אויוון - מאכן עפעס אויף שבת, אפקאכן אויף שבת.

האט ער מיך געהייסן אים ארויף נעמען אויפן אויוון! "שווער, פארוואס אויפן אויוון, איר זענט דאך אזוי שלאַף!?, "ניין, נאר אויפן אויוון, נאר אויפן אויוון".

א באק-אויוון גייט דאך א דאַך פון אויבן, דארטן איז געווען זיין חדר אויף 'התבודדות', דארטן איז ער געשלאפן ביינאכט, אויפ'ן אויוון.

(ר' משה: אין שטוב?) יא, אין שטוב, אוודאי, דער אויוון איז דאך נישט ביזן דאַך, נאר אביסל נידריגער.

עס האט גארנישט געהאלפן, ער איז אנגעקומען אויפ'ן אויוון!

מען האט איינגעהייצט דעם אויוון לכבוד שבת, ער האט געהייסן געבן אביסל יויך - פון די שבת'דיגע יויך, אביסעלע יויך האט ער פארזוכט, און עס איז אוועקגעגאנגען עטליכע מינוט און ער איז גלייך נפטר געווארן.

האט מען געזעהן, ער האט נאר געוואלט נפטר ווערן אויפ'ן אויוון, ווייל דארט האט ער געדינט דעם אויבערשטן, דארטן איז געווען זיין מקום אין עבודה, האט ער געהייסן און האט געריסן זיך - מען האט נישט געוואלט - עס האט נישט געהאלפן - מען האט אים געמוזט ארויפנעמען אויפ'ן אויוון, און דארטן איז ער אויסגעגאנגען, דארט נפטר געווארן! אויפ'ן אויוון, פרייטאג. מען האט געדארפט זיך צואיילן אז די קבורה זאל זיין פאר שבת, דארטן איז פון די שקיעה ביז צאת־הכוכבים איז דא צוויי־און־זיבעציג מינוט.

אה, די שוויגער ע"ה, האט זי דעמאלט געזאגט: **"אהרן אהרן, איך וויים ווער דו ביסט געווען, איך וויים ווער דו ביסט געוועזן!"**.

עס איז שוין אוועקגעגאנגען ניין־און־פערציג יאר, וואס איז א נפקא מינה צו ער איז דעמאלט געווען א גביר - צו ער איז נישט געווען קיין גביר?! די נפקא מינה איז - צו ער האט דעמאלט געדינט דעם אויבערשטן! וואספארא מענטש ער איז געווען דעמאלט!

אבער בשעת מען האט א שטוב מיט קינדער, און 'עניות', און דעמאלט אז מען דינט דעם אויבערשטן מיט אזא מין שמחה - דאס איז נישט קיין קלייניקייט!

## מדת הצנע לכת

טאקע דעמאלט, די יארן וואס איך בין געווען זיין איידעם, האב איך דעמאלט געזעהן דאס גרויסקייט פון דעם שווער, איך פלעג אים זעהן דארטן אין שול - "ר' אהרן קיבליטשער" - אבער דעמאלט האב 'איך' געזעהן ווער ער איז!

ער איז געווען אזא מין 'הצנע לכת', ער איז געווען אזוי פארבאהאלטן, אזוי געהיט זיך, פארבאהאלטן, קיינער זאל נישט וויסן, קיינער זאל נישט וויסן.

עס איז דא א טייטש: "זוכר כל הנשכחות"[מ], דער אויבערשטער געדענקט אלע זאכן וואס 'ער' האט פארגעסן, וואס דער מענטש האט עס פארגעסן - געדענקט עס דער אויבערשטער[מא].

---

[מ] חתימת ברכת זכרונות במוסף ראש השנה.

[מא] עשר קדושות, מערכת ז' (רי"צ מראזלא) אות כ'.

א מענטש טוט דארטן מעשים טובים, אבער 'ער' פארגעסט עס, 'אויבן' געדענקט מען דאס! "זוכר כל הנשכחות". אבער אז 'דו' געדענקסט עס, עס איז ביי דיר א גאנצער געשעפט - איז 'אויבן' מאכט מען נישט קיין געשעפט דערמיט!

## 'החכמה תחיה'

די שמחה זיינע איז געווען אזוי פיל גרויס.

עס שטייט אין חיי מוהר"ן[מב], דעם רבי'נס מוטער האט געפרעגט דעם רבי'ן: "זאג מיר זונ'עניו, פון וואס לעבסטו?", (ענה לה רביז"ל:) **"איך לעב פון 'החכמה תחיה את בעליה', און עס איז דא ביי מיר אזעלכע מענטשן וואס קענען אויך לעבן דערמיט!".**

דעם רבי'נס זאך - דאס האט אים מחיה געווען, דאס איז געווען זיין חיות.

אין רוסלאנד אין די ווינטערדיגע פרעסט, ס'איז קאלט, איין יאר און נאך א יאר, און 'א שטוב מיט קינדער', ער דארף זיי חתונה מאכן, און ער איז אן ארעמאן, און די עבודה איז אזוי גרויס! און די שמחה איז אזוי גרויס!

רבי אברהם ר' נחמן'ס - אז ער פלעגט זיך וועלן אביסל משמח זיין, איז ער אריינגעפארן קיין קיבליטש צום שווער, דארטן אין שטוב - דארטן איז מען געווארן פריילעך.

ער האט א כח געהאט מאכן יענעם פריילעך, עס איז נישט סתם, עס איז אן 'עבודה'[מג].

---

[מב] חיי מוהר"ן - אות רל"ח: עוֹד שָׁמַעְתִּי מֵהָרַב רַבִּי נַפְתָּלִי ז"ל, שֶׁפַּעַם אַחַת שָׁאֲלָה אוֹתוֹ אִמּוֹ, לָמָּה אֵינוֹ דּוֹחֵק אֶת עַצְמוֹ לֶאֱכֹל קְצָת, כִּי בַּמֶּה יִחְיֶה. וְהֵשִׁיב לָהּ, **אֲנִי חַי עַכְשָׁו רַק עִם הַחָכְמָה תְּחַיֶּה אֶת בְּעָלֶיהָ** (קהלת ז'). **וְאָמַר לָהּ עוֹד, יֵשׁ אֶצְלִי אֲנָשִׁים כָּאֵלּוּ שֶׁיּוֹדְעִים דְּבָרִים כָּאֵלּוּ שֶׁיְּכוֹלִים לִחְיוֹת בָּהֶם בְּלֹא אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה**, (פָּשׁוּט דִּרְצוֹנוֹ לוֹמַר אֲפִלּוּ אִם יֹאכְלוּ מְעַט דִּמְעַט בְּתַכְלִית הַצִּמְצוּם יְכוֹלִים לִחְיוֹת בָּזֶה, כִּי עִקַּר חִיּוּתָם הוּא מִמָּזוֹן רוּחָנִי וְכַמּוּבָא גַּם בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ).

[מג] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן כ"ד, ובשיחות הר"ן י"ט: וְהִזְהִיר מְאֹד לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וְהִרְבָּה מְאֹד לְדַבֵּר עִמָּנוּ מִזֶּה מֵעִנְיַן שִׂמְחָה כַּמְבֹאָר בַּסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַךְ יוֹתֵר מִזֶּה הִרְבָּה לְדַבֵּר עִמָּנוּ בְּעַל פֶּה, וְהִזְהִיר מְאֹד בְּכַמָּה אַזְהָרוֹת, כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים, לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד.

## אויסנוצן די מתנה

אז מען מאלט זיך אויס דעם 'יום האחרון' - דאס איז דער גרעסטער כח, וואס איז דער תכלית פון דער מענטש?!

דער רבי זאגט אין דער תורה פון 'אני היום ילדתיך'[מד]: וואס דער 'דעת' איז גרעסער - איז דער 'זמן' קלענער, וואס דער דעת איז 'קלענער' - פארנעמט ביי אים דער זמן 'מער'.

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, מיר זאלן נעמען פון רבי'ן, מען האט אונז געשענקט א מתנה דעם רבי'ן, זאלן מיר זיך נוצן מיט די מתנה, מיר זאלן נישט אוועקגיין פון די וועלט - און מען האט נישט אויסגענוצט די מתנה[מה].

❖ ❖ ❖

## דעם רבי'נס ספרים אין תפיסה

אין דעם רבי'נס ספרים ליגט א געוואלדיגע התעוררות, א געוואלדיגער כח.

ווען איך בין געזעצן אין תפיסה אין אומאן - (אחד הנוכחים: צוליב געלט?) צוליב געלט?! איך בין נישט געזעצן וועגן קיין געלט! איך בין געזעצן וועגן דעם רבי'נס זאך!

- איז דעמאלט דארטן געווען א זמן, איך בין דעמאלט געווען אביסל מער קלארער אין דעם רבי'נס ספר, האב איך געזעצן און געלערנט דעם רבי'נס ספר, אה, דאס האט געגעבן כוחות אין תפיסה!

---

[מד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן ס"א: כִּי כָּל מַה שֶּׁהַשֵּׂכֶל גָּדוֹל בְּיוֹתֵר, הַזְּמַן נִקְטָן וְנִתְבַּטֵּל בְּיוֹתֵר וכו'.

[מה] עיין חיי מוהר"ן אות שנ"ד: עָנָה וְאָמַר עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם, עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים, וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי. כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁיִּהְיֶה עֵת בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי, כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה.

(השואל: אין תפיסה האט איר געלערנט דעם רבי'נס ספר?) **יא, אויסעווייניג!** (ר' משה: א לאנגע צייט?) **פופצן וואכן! פופצן וואכן בין איך געזעצן אין תפיסה! אין אלע צייטן, אז מען איז מיט'ן רבי'ן - מיט'ן צדיק צוזאמען איז גאר עפעס אנדערש, אין אלע צייטן!**

אה, ברוך־השם מיר זענען אין 'ארץ הקדושה', אין 'ירושלים עיר הקודש', ברוך־השם פריי, נישט אין קיין תפיסה! נאר וואס דען? טוה עפעס, נוץ עפעס, דו ווייסט פון אזא גרויסן רבי'ן -

## נקודת החבר

פון דעם דארף מען אויך רעדן - אז מען מוז האבן עפעס א 'חבר' אויף צו רעדן פון דעם תכלית! יעדער איינער מוז זיך האבן עפעס א חבר, נישט רעש'יג - מען זאל אפילו נישט וויסן, אבער 'האבן א חבר', און רעדן פונעם תכלית! דאס איז א געוואלדיגער כח, דאס שליסט צונויף די 'אייגענע עבודה' וואס ער טוט און די עבודה פונעם 'צדיק', די 'ספרים' - שליסט דאס צונויף[מ].

דאס איז א געוואלדיגער כח! מען האט געהאט חברים און גערעדט פונעם תכלית, מען האט זיך צונויפגעקומען און גערעדט פונעם תכלית.

❖ ❖ ❖

## כשיש דין למטה אין דין למעלה

יא, עס איז שוין היינט ניינצן טאג אין אלול, דער זמן לויפט, מארגן וועט זיין צוואנציג טאג אין אלול, אלול! אלול! אלול!

---

[מ] ליקוטי מוהר"ן סימן ל"ד ח': נִמְצָא שֶׁצָּרִיךְ כָּל אֶחָד לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ ... וְגַם צָרִיךְ כָּל אָדָם לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, כְּדֵי לְקַבֵּל הִתְעוֹרְרוּת בְּלִבּוֹ מֵהַנְּקֻדָּה שֶׁיֵּשׁ בַּחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמֶּנּוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וּמְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין". וְכָל הַנְּקֻדּוֹת הַלָּלוּ, הַיְנוּ הַנְּקֻדָּה הַנִּקְרָא "פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת", וְגַם הַנְּקֻדָּה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ. הֵם עֲנָפִים לְהַצַּדִּיק, שֶׁהוּא נְקֻדָּה כְּלָלִיּוּת שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל. שֶׁהַכֹּל צְרִיכִין לְקַבֵּל מִתְּחִלָּה מֵהַצַּדִּיק, וְאַחַר כָּךְ יְקַבְּלוּ דֵּין מִן דֵּין, וְכָל אֶחָד יְקַבֵּל מִנֵּהּ וּבֵהּ וכו'.

**"אַרְיֵה שָׁאָג מִי לֹא יִירָא"**[מז], דער לייב שרייט! דער לייב שרייט: **"אלול, געוואלד, אלול, אלול!"**[מח].

דער רבי זאגט[מט]: אז מען משפט זיך אליין, משפט מען נישט אויבן! **"אם יש דין למטה אין דין למעלה"!** עס קומט דאך אזא 'יום הדין', דארף מען זיך אליין משפט'ן, 'אם יש דין למטה - אין דין למעלה'.

**דארף מען אין די טעג מרבה זיין אין 'התבודדות' און משפט'ן זיך אליין.**

**זאגט מען אויבן: דער מענטש האט זיך שוין אליין גע'משפט וואס האבן מיר אים צו משפט'ן?!**[נ].

**אזעלכע ווערטער וואס דער רבי זאגט!**

עס איז א גמרא[נא]: 'אם יש דין למטה - אין דין למעלה', אז די סנהדרין האבן דן געווען א מענטש, א מחלל שבת, אז די סנהדרין האבן אים שוין געגעבן דא מיתה,

---

[מז] עמוס ג' ח'.

[מח] בספר של"ה הקדוש - מסכת ראש השנה נר מצוה: הַקַּדְמוֹנִים נָתְנוּ סִימָן 'אַרְיֵה שָׁאָג מִי לֹא יִירָא' (עמוס ג, ח), **'אַרְיֵה' רָאשֵׁי תֵּבוֹת: אֱלוּל, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּפּוּר, הוֹשַׁעְנָא רַבָּא.** ובלקוטי הלכות חו"מ - הלכות ערב הלכה ג' אות ל"ו: **וְזֶה שֶׁנָּתְנוּ הַקַּדְמוֹנִים סִימָן לְיָמִים אֵלּוּ, אַרְיֵה שָׁאָג מִי לֹא יִירָא** (עָמוֹס ג ח), כִּי אָז נִתְעוֹרֵר יִרְאָה גְּדוֹלָה עַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הָרָצוֹן כַּנַּ"ל וכו'.

[מט] ליקוטי מוהר"ן סימן קס"ט: וּלְהַמְתִּיק הַדִּין, הוּא עַל יְדֵי שֶׁהָאָדָם דָּן אֶת עַצְמוֹ, דְּהַיְנוּ עַל כָּל מַה שֶּׁעוֹשֶׂה יָדִין וְיִשְׁפֹּט בְּעַצְמוֹ אֶת עַצְמוֹ עַל כָּל דָּבָר אִם כָּךְ רָאוּי לוֹ לַעֲשׂוֹת, וִיפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו וִיתַקְּנֵם כָּרָאוּי עַל פִּי דִּין וּמִשְׁפָּט הַתּוֹרָה, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁהָאָדָם דָּן וְשׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ, עַל יְדֵי זֶה מַמְתִּיק וּמְבַטֵּל הַדִּין שֶׁלְּמַעְלָה. כִּי 'כְּשֶׁיֵּשׁ דִּין לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה'. (וראה בארוכה שם לעיל סימן ט"ו, וסימן קנ"ד).

[נ] עיין זוה"ק פרשת בא דף מ"א, רעיא מהימנא סוף פיקודא כ"ו: כְּגַוְונָא דָא, מַאן דְּאִשְׁתָּעֵי וּמְפָרֵט חֶטְאוֹי עַל כָּל מַה דְּעָבַד, אִי תֵּימָא לְמַאי אִצְטְרִיךְ. אֶלָּא מְקַטְרְגָא קָאִים תָּדִיר קָמֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, בְּגִין לְאִשְׁתְּעֵי וּלְמִתְבַּע חוֹבֵי בְּנֵי נָשָׁא, וּלְמִתְבַּע עֲלַיְיהוּ דִּינָא. כֵּיוָן דְּאַקְדִּים בַּר נָשׁ, וּמְפָרֵיט חֶטְאוֹי, כָּל חַד וְחַד, לָא אַשְׁאִיר פִּטְרָא דְּפוּמָא לְהַהוּא מְקַטְרְגָא, וְלָא יָכִיל לְמִתְבַּע עָלֵיהּ דִּינָא. דְּהָא תָּדִיר תָּבַע דִּינָא בְּקַדְמִיתָא, וּלְבָתַר מִשְׁתָּעֵי וּמְקַטְרֵג פְּלוֹנִי עָבֵד כַּךְ. וְעַל דָא, אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאַקְדְּמָא, וּלְפָרֵט חֶטְאוֹי, כֵּיוָן דִּמְקַטְרְגָא חָמֵי דָא, לֵית לֵיהּ פִּטְרָא דְּפוּמָא עָלֵיהּ, וּכְדֵין אִתְפְּרַשׁ מִנֵּיהּ מִכֹּל וָכֹל וכו'.

[נא] עיין מדרש רבה דברים ה' ה'. תנחומא משפטים ד'.

האט מען שוין אויבן נישט גערעדט פון די עבירה! מען האט אים שוין געגעבן מיתה פאר די עבירה, שוין!

א מחלל שבת איז בסקילה, אז מען גיט אים נישט דא סקילה - און מען דארף אים דארטן דן זיין, אה, אה, קען אוועקגיין יארן יארן (- פון עונשים) פאר אן עבירה פון חילול שבת, אבער אז דא אין דעם עולם האט מען אים אפגעגעבן מיתה - איז 'אין דין למעלה', רעדט מען שוין נישט אויבן פון דער זאך.

דער רבי טייטשט עס קעגן 'התבודדות', אז דער מענטש משפט זיך אליין דא אונטן, משפט מען אים נישט אויבן, דאס איז געוואלדיגע רייד!

"רבונו של עולם" - איך וועל זיך אויסרעדן פאר אים אלע מיינע נארישקייטן, זיך אליין משפט'ן, רעדט מען נישט אויבן! ער האט זיך שוין אליין גע'משפט!

## זיך נישט לאזן נארן

(ר' משה: דער רבי זאגט, מאכן א 'שעה' התבודדות, וואס איז אויב מ'ענדיגט נישט אלעס רעדן אין א 'שעה', זאל מען רעדן עטליכע שעה?) הער זיך איין, אז דו וועסט האבן התבודדות, און דו וועסט נישט ענדיגן אין קיין שעה, וועסטו שוין אליין וויסן וואס צו טוהן!

עס איז אמאל פארהאנען אז מען האט נישט קיין דיבורים אויף קיין 'שעה', ער וויל עס שוין אפ'פטר'ן פון זיך. אבער אז דו האסט דיבורים צו רעדן א 'שעה' וועסטו שוין וויסן וואס צו טוהן.

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז.

אונזערע לייט האבן די ביידע זאכן גערעדט: מיר דארפן זיך זייער 'משמח זיין' מיטן רבי'ן, און - 'נוצן', 'נוצן', אסאך בעטן דעם אויבערשטן, אז מיר זאלן ווערן נענטער צום רבי'ן.

מיר ווייסן אליין נישט דאס גרויסקייט דערפון! אז דער אויבערשטער העלפט - - -

און וואס מען טוט - טוט מען, עס איז אזעלכע הייליגע טעג.

עס איז אלץ כלול אין דעם רבי'נס דיבור: "**דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, איר זאלט זיך נישט לאזן נאַרן**"[נב].

**לאזט זיך נישט נארן! נישט לאזן זיך נארן!**

אז איינער האט עפעס א משפט, א 'משפט פלילי' וואס ממש - עס איז נוגע, מען קען אים איך־ווייס־וואס, וועט ער זאגן: איך האב נישט קיין צייט - איך בין פארנומען?!

עס איז דען דא א העכערע זאך ווי דאס 'לעבן'?! עס איז דא א גרעסערע זאך ווי דאס 'לעבן'?! וואס הייסט, דו האסט נישט קיין צייט?![נג]

## להרגיש כאב חטאיו

מיר האבן פריער גערעדט אז דער רבי זאגט דארטן[נד]: "**אם יזכה שירגיש באמת כאב חטאיו**", ער וועט זוכה זיין אז ער זאל פילן באמת דעם 'כאב חטאיו'.

אונזערע לייט פלעגן מדייק זיין, פארוואס זאגט נישט דער רבי: אם יזכה - ער זאל 'פאררעכטן' דעם כאב חטאיו?

נאר אז דו וועסט האבן א זכיה צו 'פילן' דעם כאב חטאיו, וועסטו שוין אליין 'פאררעכטן', דו וועסט שוין לויפן זוכן א רפואה, דו וועסט שוין נישט שווייגן!

---

[נב] שיחות הר"ן אות נ"א, הועתק לעיל.

[נג] עיין עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, א' שופטים תקצ"ה: **וְהִנֵּה יְמֵי הַמִּשְׁפָּט וְהַדִּין הַגָּדוֹל שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין, וּכְבָר בֵּרְכוּ רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל, וּצְרִיכִין לִרְעֹד וְלִפְחֹד מְאֹד מִמִּשְׁפָּט הַזֶּה שֶׁנּוֹגֵעַ לְחַיִּים נִצְחִיִּים, וְאִי אֶפְשָׁר לְשַׁחֵד בְּמָמוֹן וּלְפַיֵּס בִּדְבָרִים. וְכָל פַּחַד הַמִּשְׁפָּט שֶׁעָלֵי שֶׁיֵּשׁ לָנוּ עַתָּה, הוּא כְּדֵי לִזְכֹּר וְלֹא לִשְׁכֹּחַ פַּחַד הַמִּשְׁפָּט שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁל יוֹם הַדִּין הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא, כִּי צְרִיכִין לְהַעֲלוֹת כָּל הַפְּחָדִים וְכָל הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת, לִבְלִי לִפְחֹד וּלְהִתְיָרֵא מִשּׁוּם דָּבָר, כִּי אִם מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ, וְלֵידַע וּלְהַאֲמִין שֶׁכָּל הַיִּרְאוֹת וְהַפְּחָדִים הָעוֹבְרִים עַל הָאָדָם, בִּפְרָט פְּחָדִים כָּאֵלֶּה שֶׁיֵּשׁ לָנוּ עַתָּה, הַכֹּל כְּדֵי לְהַזְכִּירֵנוּ לִרְעֹד וְלִפְחֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְתֵכֶף שֶׁזּוֹכְרִין בְּיִרְאַת ה' - אַף עַל פִּי שֶׁיּוֹדְעִים כָּל אֶחָד בְּנַפְשׁוֹ שֶׁאֵינוֹ נָקִי כְּלָל, אַף עַל פִּי כֵן יְכוֹלִים לִשְׂמֹחַ וְלִחְיוֹת חַיִּים אֲמִתִּיִּים** וכו'.

[נד] ליקוטי מוהר"ן סימן קמ"א: **אִם יִזְכֶּה שֶׁיַּרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת כְּאֵב חֲטָאָיו** הַיְנוּ כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבוֹ. כִּי כָּל זְמַן שֶׁלִּבּוֹ עָרֵל וְאָטוּם, אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת, רַק כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבוֹ, וְיִהְיֶה לוֹ חָלָל בַּלֵּב, **וַאֲזַי יַרְגִּישׁ לְבָבוֹ בֶּאֱמֶת גֹּדֶל כְּאֵבוֹ**, וְיִצְטַעֵר וְיִתְחָרֵט בֶּאֱמֶת וכו'.

**התבודדות האט אין זיך צוויי כוחות: איינמאל - האט מען אין זיך א כח אז מען זאל 'פילן' דעם 'כאב חטאיו', און אזוי אויך - האט מען א כח מען זאל זיך מחזק זיין.**

**אז איינער זאל נאר פילן דעם 'כאב', קען ער משוגע ווערן; 'התבודדות' וועט אים פירן אז ער זאל פילן דעם 'כאב חטאיו' און - ס'איז אים מחזק, ס'שטארקט אים, זיי נישט געפאלן! דער אויבערשטער וועט העלפן!**

**נו, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, "אביסעלע' איז אויך גוט!"**[נה].

❖ ❖ ❖

## ער וויל הערן זיין בענטשן

(מדבר מר' אברהם ר' נחמן'ס זצ"ל) **ער איז געווען א חולה אויף 'חולי מעיים', ער פלעגט נישט קענען עסן קיין סאך אויף אמאל, פלעג ער אלעמאל ווערן הונגעריג, ער האט געדארפט אלעמאל זיך וואשן און עסן, אביסל ברויט מיט הייסע וואסער איז שוין אים געווען גענוג, ער האט איינגעווייקט די ברויט אין די הייסע וואסער.**

**פלעגן אונזערע לייט זאגן: "דער אויבערשטער וויל הערן זיין בענטשן - מאכט ער אים אלעמאל הונגעריג"...**

**ער וויל הערן זיין געשמאקן בענטשן, מאכט ער אים הונגעריג אלעמאל! אזוי געשמאק געבענטשט.**

---

[נה] מאמר רביז"ל למוהרנ"ת, עיין שיח שרפי קודש (החדש) ח"ג אות שצ"ח, אבני"ה ברזל - שו"ס ממוהרנ"ת ז"ל אות ס"ה. ועיין שיחות הר"ן אות כ"ז: אַף־עַל־פִּי שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לִהְיוֹת זָרִיז גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד בַּעֲבוֹדַת ה', לְהִזְדָּרֵז מְאֹד בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה לַעֲשׂוֹת הַרְבֵּה בַּעֲבוֹדַת ה', כִּי עִקָּר הוּא הָעֲשִׂיָּה, לִלְמֹד הַרְבֵּה וְלַעֲשׂוֹת מִצְווֹת הַרְבֵּה וּלְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן הַרְבֵּה לִשְׁפֹּךְ לִבּוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שְׁאָר עִנְיְנֵי עֲבוֹדַת ה', אַף־עַל־פִּי־כֵן אַל תְּהִי נִבְהָל כְּשֶׁאַתָּה רוֹאֶה בִּסְפָרִים קְדוֹשִׁים עִנְיְנֵי עֲבוֹדוֹת הַרְבֵּה, אַל תְּהִי נִבְהָל מִפְּנֵי זֶה לֵאמֹר מָתַי אוּכַל לְקַיֵּם אַחַת מֵהֵנָּה מִכָּל הָעִנְיָנִים הַלָּלוּ, מִכָּל־שֶׁכֵּן כֻּלָּם. כִּי צָרִיךְ לְבַל יִהְיֶה מְבֹהָל לַחֲטֹף הַכֹּל בְּבַת אַחַת, **רַק לֵילֵךְ בְּנַחַת בְּהַדְרָגָה מְעַט מְעַט** וכו'. ועיין עוד מזה בליקוטי הלכות הל' פקדון ד' אות י'.

# לזכרון בהיכל ה׳

מו״ה **יצחק יעקב**
ב״ר מרדכי הלוי ע״ה
נלב״ע י״ד ניסן תשפ״ג

מרת **רוחמה שרה** ע״ה
בת ר׳ יצחק הי״ו
נלב״ע י״ב שבט תשע״ט

מרת **פיגא רבקה** בת
ר׳ חיים צבי ע״ה
נלב״ע ז׳ מנחם אב תשפ״ב

מו״ה **יעקב** ב״ר
שמואל הכהן ע״ה
נלב״ע י״ג אייר תשפ״א

**תהא נשמתם צרורה בצרור החיים**